139

י. קערלער

# פֿאַר מײַן ערד



אָגיז
מלוכה־פֿאַרלאַג «דער עמעס»
1944

בקישען, דעם העלדיש־געפאלענעם
ברודער מײַנעם
אב אָגרעגע



# געזעגעניש

געליבטע, בא ליבשאפט בא מײַנער איך שווער —
פארניכטג דעם פײַנט אפ דער שוועל פון מײַן ערד!

אויב איינזאם וועט קומען מײַן פערד צו דײַן פלויט,
נײט גלייב, אז דער סוינע האָט מיך שוין געטויט.

און וועט מען דיר ברענגען ס'פארבלוטיקטע העמד,
פארברעך נײט אין ווייטעק די מיידלשע הענט.

באָר וועט מען דיר ווײַזן מײַן ביקס און מײַן שווערד,
ווייס, אז געפאלן בין איך פאר מײַן ערד...

דאן נעם דאָס געווער, דײַנע אויגן ווײש אויס
און גיי קעגן סוינע אין שלאכטפעלד ארויס.

געליבטע, בא ליבשאפט בא דײַנער דו שווער —
פארניכטג דעם פײַנט אפ דער שוועל פון מײַן ערד.

נאָסקעווע, 1940.

*

זעץ איך זיך צו בײַ דעם בויגן פּאַפּיר —
שפּרייטן זיך פעלדער פאַרשנייטע פאַר מיר

און בײַ דעם ערשטן פאַרשריבענעם אות —
פײַפט שוין דער ווינט און סע שטאַרקט זיך דער פראָסט...

גלײַך ווי די סטראָפע געשלאָסן נאָר ווערט,
פויזען מיר צוגעדריקט האַרט צו דער ערד.

דעם שׂונאס טראַנשייען — אָט זײַנען זיי באַלד
און עמעצער רופט שוין און עמעצער פאַלט,
און עמעץ פאַרשווײַגט שוין דאָס לעצטע געשריי — —
— — —
שורות, ווי שנירעלעך בלוט אויפן שניי.